# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת דברים־חזון ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון י"ב ||| שנה א'



**פטרון סדר דברים**

הרוצה בעילום שמו

**לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר**

**בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא**


## בך בטחתי

**ויבטחו בך יודעי שמך;**

בטחון איז די ערשטע אָנהויב צו עבודת ה'

יום ראשון קורח כ"ז סיון תשע"ט

א

## כאילו בעל השמועה עומד כנגדו; דער לימוד ספר 'חובת הלבבות' ביי אונזערע רבי'ס, ראשונים כמלאכים

איידער מיר וועלן בסייעתא דשמיא אָנהויבן צו לערנען דעם ספר "חובת הלבבות" פון אינעווייניג, לאָמיר מקיים זיין די ווערטער פון **ירושלמי** (שבת פ"א ה"ב): "כל האומר שמועה מפי אומרה יראה כאילו בעל השמועה עומד כנגדו". דאָס הייסט אַז ווען מען לערנט אַ ספר קען מען דאָס לערנען מיט אַ מהלך ווי אַ 'רבי" מיט אַ 'תלמיד', דאָס ברענגט אונז אַ געוואַלדיגן קשר מיט די מסורה פון תורה ביז משה רבינו, נו, אַז מיר גייען לערנען 'חובת הלבבות' דאַרף מען וויסן ווער ס'איז געווען דער 'בעל חובת הלבבות', לאָמיר זיך באַקענען מיט אונזער רבי!

דער מחבר פון דעם ספר "חובת הלבבות", איז געווען **רבינו בחיי ב"ר יוסף אבן פקודה**, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער תקופה פון די 'ראשונים' כמעט טויזנט יאָר צוריק. ס'איז אויך געווען דער רבינו בחיי על התורה, אָבער דאָס איז נישט דער זעלבער, דער רבינו בחיי על התורה איז געווען אַסאַך שפּעטער און איז געווען אַ תלמיד פונעם רשב"א.

אַלענפאַלס איז דער 'חובת הלבבות' געווען פון די ערשטע 'ראשונים', און **ס'איז וויכטיג דאָס צו וויסן אַז ווען מען לערנט דעם ספר זאָל מען צוגיין צו די ווערטער אַזוי ווי מען לערנט אַ 'ראשון'**. יעדער וואָס האָט געלערנט אין אַ ישיבה ווייסט אַז דער צוגאַנג צו אַ וואָרט פון אַ ראשון דאַרף זיין מיט אַ גרויסע האָרעוואַניע, ווייל די השגה אין תורה פון די הייליגע ראשונים איז געווען אַזוי הויך אַז אין יעדע וואָרט האָבן זיי אריינגעלייגט אַזויפיל זאַכן.

מען זעט די נקודה אפילו ביי די 'ראשונים' ווען זיי ברענגען אַראָפּ די ווערטער פון אַ 'ראשון' וואָס איז געווען אַביסל איידער זייער תקופה. למשל ווען דער ריטב"א אָדער דער רשב"א ברענגען אַ רש"י, זענען זיי מפלפל אין די ווערטער מיט אַ געוואַלדיגע כובד ראש. איז דאך זיכער אַז ווען מיר לערנען דעם ספר פון אַ ראשון דאַרף מען צוגיין דערצו וויסנדיג אַז דאָס זענען זייער הייליגע ווערטער, וואָס מ'דאַרף האָבן סייעתא דשמיא צו אָפּלערנען ריכטיג.

### די ראשונים האָבן שוין געלערנט דעם חובת הלבבות

ווי געזאָגט איז דער 'חובת הלבבות' געווען פון די ערשטע ראשונים, און דערפאַר טרעפן מיר אַז די שפּעטערדיגע ראשונים האָבן שוין עוסק געווען און געלערנט דעם חובת הלבבות. מען וועט דערמאַנען עטליכע פון זיי:

אין **'ספר הישר'** וואָס איז מיוחס צום **רבינו תם** שרייבט ער אין דער הקדמה אַז איינס פון זיינע רבי'ס וואו ער האָט געלערנט וויאַזוי אַ איד דאַרף דינען דעם אריבערשטן איז געווען דער ספר חובת הלבבות. אַזוי אויך אין דעם 'שער הרביעי' פון זיין ספר שרייבט ער אַז מען זאָל אַלעמאָל לערנען ספרים וואָס באַלייכטן די אויגן. מען זאָל שטענדיג אַריינקוקן אין די חיבורים פון צדיקים, ווי צום ביישפּיל דער חיבור פון החסיד רבי בחיי אבן פקודה!

וזה לשונו:: "**ישים עליו לחוק ללמוד בכל יום מדברי רבותינו ז"ל כפי יכלתו כי הם יאירו פניו ויפתחו לו שערי התקווה... ולהסתכל תמיד בחיבורי הצדיקים כגון חיבור החסיד רבי בחיי בן בקודה ז"ל ולזולתו מן הספרים והחיבורים אשר יזכירוהו ומשנתו יעירוהו**".

אויך דער הייליגער **ראב"ד**, וואָס האָט געשריבן די השגות אויפ'ן רמב"ם, האָט געבעטן פון דעם מתרגם, רבי **יהודה אבן תבון** ז"ל, וואָס האָט איבערגעטייטשט דעם ספר חובת הלבבות אויף לשון הקודש (אָריגינעל איז עס געווען געשריבן אויף די אַראַבישע שפּראַך), אז ער זאָל אים מעתיק זיין אַ ספר כדי ער זאָל דאָס קענען לערנען.

ס'איז דאָ אַ באַקאַנטע צוואה פון **רבי יהודה בן הרא"ש** ז"ל וויאַזוי אַ איד דארף לעבן ריכטיג, דערמאַנט ער דאָרט אויך אַז מען זאָל זיך איינגעוואוינען צו לערנען 'חובת הלבבות' און מען זאָל גוט אַריינעמען די ווערטער אין האַרץ: "**תרגילו עצמכם ללמוד בחובת הלבבות, בספר הישר ובאיגרת התשובה לרבינו יונה ותכניסו את דבריהם ללבכם**".

### אין דעם דור פון דעם אר"י און דער של"ה הק'

נאָך דער תקופת הראשונים איז געווען דער **אר"י הק'** וואָס עס שטייט אין ספר "עץ חיים" פון זיין תלמיד רבי **חיים וויטאַל** ז"ל אַז דער אר"י הק' האָט געהייסן זיינע תלמידים לערנען חובת הלבבות יעדן איינציגן טאָג. אויך דער ספר הק' "**ראשית חכמה**" איז געבויעט אַסאַך אויף די יסודות פון דעם חובת הלבבות, און ער ברענגט אַראָפּ דעם חובת הלבבות מער פון דרייסיג מאָל.

דער **של"ה הק'** האָט געשריבן אַ באַזונדערע ספר "קיצור חובת הלבבות" כדי צו פאַרגרינגערן אַז מען זאָל דאָס קענען שטענדיג חזר'ן. די צדיקים האָבן געוואוסט אַז יעדער איד וואָס וויל זיך אַביסל מעמיק זיין אין עבודת ה', דאַרף צוערשט זיין בקי

אין די יסודות וואָס איז געשריבן אין דעם ספר חובת הלבבות.

### חובת הלבבות אין חסידי'שע ספרים

ווען מען קוקט אַריין אין די חסידיי'שע ספרים זענען זיי ממש מלא וגדוש מיט די יסודות פונעם חובת הלבבות. לאָמיר צוערשט דערמאַנען דעם הייליגן "**קדושת לוי**" וואָס איז אַסאַך מבאר די ענינים פון 'אמונה ובטחון' געבויט אויף די ווערטער פונעם חובת הלבבות. ער שרייבט אליינס וויפיל ער האָט געהאָרעוועט צו לערנען מיט אן עמקות די יסודות פון דעם חובת הלבבות. אַזוי אויך די ספרים הק' "**באר מים חיים**", "**עבודת ישראל**" און "**בני יששכר**" דערמאַנען דעם "חובת הלבבות" צענדליגער מאָל.

די חסידיי'שע ספרים זענען אונזערע רבי'ס צו מסביר זיין די ווערטער פונעם חובת הלבבות. פונקט ווי ווען מען לערנט גמרא דאַרף מען לערנען רש"י, תוספות און אַנדערע מפרשים, ווייל אן זיי וואָלטן מיר נישט געהעריג פאַרשטאַנען די גמרא. דאָס זעלבע ווען נישט די חסידיי'שע ספרים - וואָס האָבן מגלה געווען וויאַזוי בטחון אַרבעט, און וויאַזוי יעדער איד, לויט זיין מדריגה, קען זיך ממש טוישן דאָס לעבן - וואָלטן מיר נישט געקענט משיג זיין די ווערטער פונעם חובת הלבבות, מיר וואָלטן נישט געכאַפּט וויאַזוי זיינע ווערטער זענען שייך אויך פאַר אונזער דור און אַז דאָס קען אונז משנה זיין ממש מקצה אל הקצה.

לאָמיר טאַקע אָנהויבן לערנען דעם הייליגן ספר, מיט די ווערטער פון די הייליגע ספרי חסידות, און דער זכות פון די צדיקים זאל מגין זיין אויף אונז, אַז מיר זאָלן זוכה זיין "ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים".

ב

## ראשון הוא למקראי קודש; ווילסט דינען דעם אויבערשטן? די ערשטע זאַך הייב אָן מיט בטחון

### די פערטע 'שער הבטחון' איז אַ המשך צו די פריערדיגע שערים פון 'עבודת אלקים'

איינס פון די ערשטע כללים צו פאַרשטיין אַ זאַך ריכטיג איז ווען מען באַטראַכט ביי יעדע זאַך וואָס איז געשטאַנען בעפאָר און וואָס שטייט נאָכדעם. אין ענגליש הייסט דאָס די "קאנטעקסט" פון די ווערטער.

ווען איינער וועט אַרויסנעמען איין שורה פון אַ ספר, אפילו אויב ער וועט דאָס איבערלערנען הונדערט מאָל מיט אַ שטאַרקע התבוננות, קען ער דאָס נישט פאַרשטיין ריכטיג אויב ער קוקט נישט צוריק צו זען לגבי וואָס דאָס איז געשריבן געוואָרן.

דאָס איז איינס פון די שטאַרקע טעותים וואָס מען זעט נאָכאַנאַנד אין אַלע דורות, אַז 'מלקטים' פון ספרים ברענגען נאָך 'איין שורה', אָבער ווען מען קוקט אַריין וואו די שורה איז געשריבן געוואָרן, און וואָס עס שטייט בעפאָר די שורה, שטעלט זיך אַרויס אַז דאָ שטייט אן אַנדערע זאַך לגמרי... מיט אן אויבערפלעכליכע בליק זעט טאַקע אויס ווי אין די שורה שטייט דאָס וואָס יענער זאָגט, אויב אויב מען קוקט איין שורה בעפאָר און איין שורה נאָכדעם זעט מען אַז נישט דאָס איז די כוונה בכלל.

כלפּי מה הדברים אמורים? דער "שער הבטחון" האָט דער חובת הלבבות געשריבן אַלס די פערטע שער פון זיין ספר. דאַרף מען דעריבער לערנען און פאַרשטיין די ערשטע דריי שערים, צו קענען ריכטיג פאַרשטיין וויאַזוי ער הייבט אָן דעם פערטן שער, ווייל דאָס איז אַלעס פאַרבינדן איינס מיט די אַנדערע.

אַזוי הייבט טאַקע דער חובת הלבבות אָן דער פּתיחה פון זיין "שער הבטחון" אַז דאָס איז אַ המשך צו די פריערדיגע שערים: "**אמר המחבר, מפני שקדם מאמרנו בחיוב קבלת עבודת האלוקים, ראיתי להביא אחריו מה שהוא צריך יותר מכל הדברים לעובד האלוקים יתברך והוא הביטחון עליו בכל דבריו, בעבור מה שיש בו מן התועלויות הגדולות בענין התורה ובענין העולם**".

### די שטאַפּלן פון די ערשטע שערים אין ספר 'חובת הלבבות'

דער חובת הלבבות איז געשריבן געוואָרן פאַר אַ איד וואָס וויל אָנהויבן אַריינגיין אין אידישקייט, און ער וויל וויסן די 'אלף בית' וויאַזוי מען קען דינען דעם אויבערשטן.

דעריבער הייבט ער אָן מיט דעם ערשטן שער, "**שער היחוד**", וואו ער איז מכריח אויף אַ לאָגישן אופן אַז ס'איז נישטאָ עפּעס אַנדערש נאר דער איין איינציגער באַשעפער מיט אַלע יסודות האמונה וואָס מיר גלייבן דערינען. כידוע איז געווען אַסאַך צדיקי אמת וואָס האָבן געהאַלטן אַז ס'איז נישט כדאי פאר אונזערע קליינע קעפּ צו לערנען אמונה אויף דעם אופן, נאר ענדערש זאָלן מיר האָבן 'אמונה טהורה' אָן קיין חקירות, אָבער אַלענפאַלס וויל דער דער חובת הלבבות צוערשט אַז דער מענטש זאָל זיך אָפּשטעלן און זאָגן: "**איין מינוט, ס'איז דאָ איינער וואָס ער איז דער איינציגער באַשעפער און ער האָט מיך באַשאַפן דאָ אויף דער וועלט**".

> אויך דער ספר הק' "ראשית חכמה" איז געבויעט אַסאַך אויף די יסודות פון דעם חובת הלבבות, און ער ברענגט אַראָפּ דעם חובת הלבבות מער פון דרייסיג מאָל.

נאָכדעם קומט דער "**שער הבחינה**", וואָס לערנט אונז וויאַזוי אַ איד קען אַלעמאָל זיך מתבונן זיין און זען דאָס גרויסקייט פונעם אויבערשטן אויף יעדע טריט און שריט.

דערנאָך האָט דער חובת הלבבות געשריבן דעם "**שער עבודת אלקים**", וואו ער טוט ערקלערן וויאַזוי דער 'נברא' קען ווערן אן 'עובד אלקים' און דינען ריכטיג דעם אויבערשטן.

אַצינד זאָגט דער חובת הלבבות, אַז דו ביזט שוין גרייט צו אָנהויבן דינען דעם רבוש"ע מיט די תרי"ג מצוות, **וואָס איז די ערשטע מצוה מיט וואָס מ'דאַרף אָנהויבן? די מצוה פון בטחון!** אויף דעם איז געווידמעט די גאַנצע פּתיחה פון "שער הבטחון", צו מסביר זיין אָט די נקודה, פאַרוואָס 'בטחון' דאַרף זיין די ערשטע זאַך וואָס אַ מענטש זאל דערמיט אָנהויבן זיין עבודת ה'.

### דער חובת הלבבות איז נישט דאָ צו איבערצייגן, נאר צו ערקלערן

אין דער פּתיחה רעדט דער חובת הלבבות אַרום איבער די 'תועלת' וואָס בטחון ברענגט פאַר'ן מענטש סיי אין די רוחניות'דיגע זאַכן און סיי אין די גשמיות'דיגע זאַכן. צוערשט רעכנט ער אויס אַ ליסטע פון בערך 5-6 זאַכן וואָס בטחון העלפט פאר רוחניות, נאָכדעם זאָגט ער אַז בטחון איז אויך אַ תועלת פאר עניני גשמיות; דער מענטש וועט האָבן אַ 'מנוחת הלב' פון אַלע דאגות, ער וועט נישט דאַרפן גיין אויף ווייטע פּלעצער, ער וועט נישט דאַרפן אַרבעטן שווערע אַרבעט, ער וועט נישט ווערן אויפגערעגט אויב ס'גייט אים נישט וויאַזוי ער וויל, א.א.וו.

ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס פאַרשטיין פון דעם פּתיחה, אַז דער חובת הלבבות וויל משכנע זיין דעם מענטש, פאַרוואָס עס לוינט זיך צו אינוועסטירן אין בטחון, ווייל אַזוי וועסטו מצליח זיין מיט געזונט, פּרנסה, און אַלע גוטע זאַכן.

אָבער באמת, צו אַזאַ הבנה קען מען נאר צוקומען, אויב מען לערנט נישט די ערשטע שורה פון דער פּתיחה, וואו דער חובת הלבבות זאָגט אונז קלאָר: "**איך וויל דיך נישט משכנע זיין, איך וויל דיך אויסלערנען אַ מהלך וויאַזוי מען הייבט אן דינען השי"ת**".

## אויב מען לערנט נישט 'בטחון' האָט מען נישט וואָס צו גיין ווייטער

דער חובת הלבבות האָט זיך מתבונן געווען אויף אַלע 613 מצוות, אפשר זאָל ער אָנהויבן שרייבן וועגן די מצוה פון צדקה? אפשר זאָל ער דערמאַנען אן אַנדערע מצוה אַלס די ערשטע זאַך פון עבודת ה'? און ער האָט קובע געווען אַז ניין! ער זאָגט אונז: **"מפני שקדם מאמרנו בחיוב קבלת עבודת האלוקים, ראיתי להביא אחריו מה שהוא צריך יותר מכל הדברים לעובד האלוקים יתברך"**, דאָס הייסט כ'האָב געקוקט אויף אַלע מצוות און כ'האָב געזען אַז די וויכטיגסטע זאַך וואָס דערמיט דאַרף מען אָנהויבן איז די מדה פון בטחון! **אַז דו וועסט נישט אָנהויבן מיט קיין בטחון וועסטו נישט זיין קיין עובד אלקים!**

וועט איינער פרעגן: "איך פאַרשטיי אַז בטחון איז וויכטיג ווען איינער דארף האָבן פרנסה, ער האַלט איידער חתונה מאַכן אַ קינד, אָדער ווען מען איז חלילה נישט געזונט, אָבער פאַרוואָס דאַרף מען האָבן בטחון צו זיין אן עובד ה'?!, צו דינען השי"ת קען מען דאָך טון אַנדערע זאַכן אויך, פאַרוואָס דאַרף מען אָנהויבן מיט דעם?!".

אָט דעם טעות קומט דער חובת הלבבות אויסקלאָרן. דער חובת הלבבות באַשטעטיגט אונז אַז דאָס איז עס! בטחון איז די ערשטע טויער פאר עבודת ה'! אויב דער מענטש וועט אָנהויבן מיט אַנדערע זאַכן וועט זיין עבודת ה' נישט זיין מיט קיין שלימות!

דער חובת הלבבות זאָגט אונז אַז ס'איז נאָך שערים אין דעם ספר: שער יחוד המעשה, שער הכניעה, שער התשובה, שער חשבון הנפש, שער הפרישות, וכו', אָבער **איך קען נישט גיין ווייטער איידער מען לערנט בטחון...** איך האָב נישט וואָס צו רעדן מיט דיר וועגן אַנדערע זאַכן, אויב מען האָט נאָכנישט באַקומען בטחון!

## די תועלת בעניני עולם הזה איז אויך פאַר'ן תכלית פון עבודת ה'

אין דער פתיחה רעכנט דער חובת הלבבות אויס אַלע תועלת'ן וואָס בטחון ברענגט פאַר'ן מענטש 'בעניני העולם'. אָבער אַז מען קוקט אַריין רעכנט ער נישט אויס אַזעלכע זאַכן וואָס זענען סתם הצלחות, בלויז אַז דער מענטש זאָל קענען האָבן אַ גראָבע מגושם'דיגע עולם הזה, ווייל **דאָס וויל דען דער חובת הלבבות?!** דאָס איז בכלל אַ תכלית אַז פאַרדעם זאָל מען דאַרפן האָבן בטחון?!

דער חובת הלבבות זאָגט אונז דאָ עפּעס אַנדערש. היות די מציאות איז דאך אַז ווען מען איז מצליח אויף די גשמיות'דיגע וועלט איז דאָס פון די גאָר שטאַרקע כלים צו מצליח זיין אין עבודת ה', ווייל אויב דער מענטש האָט נישט קיין מנוחת הנפש, ווי קען ער דאַווענען? וויאַזוי קען ער שפּירן אַ טעם אין שבת אָדער אין אַ בלאַט גמרא? ווען אַ מענטש איז געדרוקט אין געלט איז אים שווער צו דינען דעם אויבערשטן. **דעריבער קומט דער חובת הלבבות און זאָגט אים: "דאגה נישט!"**. דאָס זעלבע ווען אַ איד איז ל"ע נישט געזונט און דאָס שטערט אים פון דינען השי"ת זאָגט אים דער חובת הלבבות: "דאגה נישט! ביזט אין גוטע הענט!".

אין די גאַנצע פתיחה צום "שער הבטחון" זאָגט דער חובת הלבבות איין זאַך: אַז 'בטחון' איז די

וועל איך פאַרדינען דאָ אַ האַלב מיליאָן דאָלער און דאָרט אַ פערטל מיליאָן דאָלער, כ'וועל טוישן די זאָונינג און יעצט קען מען בויען דאָ זיבן שטאָק

'אלף בית' פון די גאַנצע אידישקייט. דאָס איז וויבאַלד בטחון פאַרקערפּערט אין זיך אַלע יסודות פון תורה און מצוות, און **עס וועט אַרומנעמען דיין האַרץ און דיין מח, אַז זיי זאָלן זיין רואיג צו קענען דינען דעם אויבערשטן מיט אַ געשמאַק!**

דער חובת הלבבות קוקט אָן בטחון אַזוי ווי אַ יונגל אין חדר דארף קודם לערנען 'אלף בית', און אַז נישט קען מען נישט לערנען מיט אים קיין משניות, מיט גמרא און לומדות. ווייל ער האָט נאָכנישט די כלים דערפאַר. אָן קענען די 'אלף בית' איז לאַכעדיג אפילו צו פּרובירן לערנען מער טיפערע סוגיות. דאָס זעלבע קוקט אָן דער חובת הלבבות, אַז בטחון קומט בעפאר אַלע אַנדערע זאַכן. מען קען נישט אָנהויבן פאַרשטיין גאָרנישט פון עבודת ה' איידער מען לערנט בטחון!

## נישט זיין ווי דער 'ריעל עסטעיט' סוחר וואָס האָט נישט געלערנט געהעריג דעם 'קורס'

אַמאָל איז דאָ מענטשן וואָס הערן אַזעלכע דיבורים טראַכטן זיי: "איך הייס דאך אַ שטיקל תלמיד חכם, איך האָב אפילו מחבר געווען ספרים, און כ'האָב נאָכנישט געלערנט געהעריג בטחון. וואָס זאָגט מען מיר אַז אן 'בטחון' קען מען נישט מצליח זיין".

משל למה הדבר דומה:

היינט צוטאָגס איז איינס פון די שטאַרקע פּרנסות די אינדוסטריע פון 'ריעל עסטעיט', קויפן און פאַרקויפן קרקעות. אַלע ווייסן אַז ביי אַזאַ סאָרט פּרנסה האָט מען אַ פּאָטענציאַל צו פאַרדינען אַסאַך געלט, דעריבער איז דאָ צומאָל אַ שטאַרקע תשוקה ביי אינגעלייט וואָס מאַכן זיך דעם חשבון: "וואָס דאַרף זיך זיך גיין מוטשען און אַרבעטן פאר די פאר דאָלער אַ חודש, און מיין בעה"ב וועט זיך מרחם זיין אויף מיר און מיך געבן נאָך צען פּראָצענט, לאָמיך לכתחלה גיין אויף גרויסע זאַכן, קויפן און פאַרקויפן 'ריעל עסטעיט',

וועל איך פאַרדינען דאָ אַ האַלב מיליאָן דאָלער און דאָרט אַ פערטל מיליאָן דאָלער, כ'וועל טוישן די זאָונינג און יעצט קען מען בויען דאָ זיבן שטאָק"...

אודאי איז דאָ אַ ריכטיגע מהלך אין דעם, אָבער ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס שפּרינגען אַריין אין דעם פעלד, איידער זיי האָבן געלערנט אַ געהעריגע 'קורס' דערוועגן. אַצינד, אויב דער אינגערמאַן האָט נאָכנישט גלייך מצליח געווען צו פאַרקויפן זיין ערשטע קרקע איז נאָכנישט אַזוי געפערליך... די בראָך הייבט זיך אן ווען ער האָט יאָ גלייך מצליח געווען צו פאַרקויפן, ער האָט טאַקע פאַרדינט אַהאלב מיליאָן דאָלער, און ער טרעפט זיך נאָך עטליכע יאָר אַז ס'איז נישט אַזוי פּשוט ווי ער האָט געמיינט... ער איז געוואָרן פאַרבלענדעט פון דער הצלחה אין דער ערשטער מינוט, אָבער ער האָט נישט געהעריג אַרויסגעהאַט די יסודות פון דעם אינדוסטריע.

דאָס זאָגט דער חובת הלבבות: "דו דרייסט זיך טאַקע אַרום צופרידן מיט הצלחות, אָבער איין טאָג וועסטו כאַפּן אַז דו האסט געהאַט אַ טעות אין עבודת ה', קען זיין אַז דו וועסט כאַפּן דעם טעות נאָך צען יאָר, קען זיין אַז דו וועסט דאָס כאַפּן נאָך צוואָנציג יאָר, **אָבער אַז דו האסט נישט געלערנט דעם 'קורס' פון בטחון וועט עס נישט טויגן**".

אַ מענטש קען האָבן הצלחות פאר לאַנגע יאָרן, ער רעדט זיך איין אַז ער איז אפילו אן עובד ה', אָבער אינמיטן זיין לעבן הייבט אים אן אונטערצוקומען פאַרשידענע פּראָבלעמען, זאַכן הייבט אן נישט צו שטימען, ער האָט אַזאַ שווערינקייט און אַזאַ שווערינקייט, הייבט ער אָן זאָגן: "אַזוי גייט דאָס לעבן, נישט אַלעס גייט וויאַזוי מען וויל"... העכסטנס פאָרט ער אויף וואַקאַציע אַביסל מסיח דעת צו זיין פון זיינע צרות...

דער חובת הלבבות קוקט אָן אַזאַ איד און זאָגט אים: **"איר זענט נישט גערעכט! עבודת ה' אַרבעט נישט אַזוי, אַז אינמיטן דאָס לעבן ווערט מען מלא קשיות און תרעומות!** עס אַרבעט נישט אַז ווען דו ביזט געווען אַ בחור און אַ אינגערמאַן האָסטו געהאַט גרויסע שאיפות און שפּעטער, ווען דו האסט אַ קינדער געבענטשטע משפּחה, לייגסטו אַלע שאיפות אין דער ערד אַריין, ווייל מ'דאַרף דאך זיין פאַרנומען מיט אַלע צרכים פון די משפּחה".

דאָס פּאַסירט בלויז אויב מען האָט נישט געלערנט די יסודות פון בטחון, דעמאָלט דערזעט מען זיך נאָך צען - צוואָנציג יאָר אַז עפּעס קלאַפּט נישט. אָבער אַז מען לערנט די יסודות ריכטיג, דעמאָלט האָט מען אן אַנדערע עבודת ה'! מען לעבט אין אַ וועלט פון 'אור' און ליכטיגקייט! **ביי די פופציג יאָר האָט מען אַסאַך אַ גרעסערע 'אור' ווי אַלס בחור, ווייל דעמאָלט האָט ער נאָכנישט געהאַט קיין מושגים, יעצט לעבט ער שוין מיט בטחון אַזויפיל יאָר!**

דאָס זאָגט אונז דאָ דער חובת הלבבות, אַז מיר לערנען נישט בטחון צו מסדר זיין אַ פּראָבלעם, מען לערנט אפילו נישט וויבאַלד ס'איז מדריגות און דביקות, אודאי איז דאָס אמת און מיר וועלן רעדן דערפון שפּעטער אין דעם 'שער הבטחון', אָבער יעצט, אין דער פּתיחה, זאָגט אונז דער חובת הלבבות אַז מיר לערנען בטחון ווייל **אַז נישט הייבט זיך גאָרנישט אן!**

# בין המצרים

## דברו על לב ירושלים;

**דער 'חורבן ירושלים' און דער 'בנין ירושלים' ווענדט זיך אין אונזער הארץ**

ליל תשעה באב תשפ"ב לפ"ק

**א**

# כלילת יופי משוש לכל הארץ; וואָס ליגט אונטער דאָס שיינקייט פון ירושלים

### די קלאָג אויף דאָס שיינקייט פון דער שטאָט ירושלים

"איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה."

די 'מגילת איכה' הייבט זיך אָן מיט אַ קינה אויף די שטאָט ירושלים וואָס איז געבליבן זיצן אליינס, נאָכגעלאָזט און פאַרלאָזט, אַזוי ווי אן אלמנה.

די ווייטערדיגע פסוקים רעדן זייער אַסאַך איבער די שיינע שטאט ירושלים וואָס איז חרוב געוואָרן. די שטאָט וואָס איז געווען פול מיט מענטשן איז געוואָרן ליידיג, קיינער קומט שוין נישט דאָרט - '**דרכי ציון אבלות מבלי באי מועד, כל שעריה שוממין**', אַלע טויערן וואו די עולי רגלים פלעגן אַריינקומען שטייען יעצט פארוויסט. '**זכרה ירושלים את ימי עניה ומרודיה**'.

אַזוי רעדן די פסוקים איינע נאָך די אַנדערע וועגן די שטאָט ירושלים; וויאַזוי האָט דאָס אויסגעזען אַמאָל און וויאַזוי זעט דאָס אויס היינט; ירושלים איז חרוב געוואָרן.

אויך ביים דאַווענען דערמאַנען מיר דאָס אַסאַך מאָל. ביי שמונה עשרה בעטן מיר דריי מאָל אַ טאָג: '**ולירושלים עירך ברחמים תשוב**', מען דאַוונט אַז ירושלים זאל שוין אויפגעבויעט ווערן. אויך אין די פסוקי דזמרה זאָגן מיר: '**בונה ירושלים ה' נדחי ישראל יכנס**'.

ס'איז דאָ אַ גרויסע עסק ביי אידן אַרום דער שטאָט ירושלים; מען דערמאַנט די שיינקייט פון דער שטאָט 'בבנינה' און וויאַזוי ירושלים קוקט אויס יעצט 'בחורבנה'. ליידער.

### פאַרוואָס טאַקע איז ירושלים אַזאַ צענטראַלע טייל פון דעם חורבן

אַז מ'איז זיך אַביסל מתבונן קען מען זיך אַביסל וואונדערן: **דאָס איז דען די עיקר נקודה פון דעם חורבן?! דער עיקר איז דאָך דער צער השכינה!** ס'איז דאך אַסאַך אַ גרעסערע חורבן אַז דער רבוש"ע איז אין גלות, כביכול דער אויבערשטער האָט נישט קיין פלאַץ! אידישע קינדער זענען אין גלות! אידן מאַכן מיט אַזויפיל שרעקליכע צרות וואָס אַלעס איז אַ תולדה פון דעם ביטערן גלות! עס פעלט אונז די עבודת הקרבנות! עס פעלט אונז דער 'בית המקדש'! עס פעלט אונז 'כהנים בעבודתם לויים בדוכנם וישראל במעמדם'! עס פעלט אונז די גאַנצע פינטעלע פון אידישקייט!

אויב אַזוי, **פאַרוואָס מאַכט מען אַזאַ עסק פון דער שטאָט ירושלים?!** ירושלים איז דאך בלויז אַ גשמיות'דיגע אָרט, וואו דאָס אַלעס האָט זיך אָפגעשפילט. אודאי האָט ירושלים אַ קדושה און מיר האָפן און וואַרטן אויף איר אויפבוי, אָבער לכאורה איז דען דאָס די עיקר בראָך אויף וואָס מיר וויינען: אַז מיר האָבן געהאַט אַ שיינע שטאט און ס'איז חרוב געוואָרן?! **דער 'חורבן בית המקדש' נעמט דאך אַריין אַסאַך מער ביטערע פראָבלעמען.** מיר האָבן פאַרלוירן אַסאַך גרעסערע זאַכן?!

### ס'איז דאָ אַ ירושלים אין 'מקום', אין 'זמן' און אין 'נפש'

באמת ליגט דאָ זייער אַ גרויסער יסוד אין אידישקייט וואָס מען דאַרף זיך דערינען מתבונן זיין, **צו פאַרשטיין וואָס איז דאָס די נקודה פון ירושלים.** אַזוי וועלן מיר האָבן אַן אַנדערע דערהער וויאַזוי צו מתאבל זיין אויף ירושלים ריכטיג, ווי חז"ל זאָגן (תענית ל, ב): "כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה".

מיר ווייסן דאך אַז ביי יעדע זאַך אויף דער וועלט איז דאָ די דריי מושגים פון: '**עולם**', '**שנה**' און '**נפש**'. דאָס מיינט; דאָס '**פלאַץ**' אויף דער וועלט וואו די זאַך געפינט זיך; די '**צייט**' פון יאָר ווען די זאַך פאַסירט; און דער '**נפש**' פונעם מענטש, וואָס מיט אים שפילט זיך די זאַך אָפּ.

לויט דעם יסוד שטייט אין ספרים הק'[א] אַז פונקט ווי עס איז פאַרהאַן אַ ירושלים אין 'עולם' - אַ שטאָט ירושלים וואָס האָט אַ 'מקום' אויף דער מאַפּע פון דער וועלט. **אַזוי איז אויך דאָ אַ ירושלים אין 'זמן' און ס'איז דאָ אַ ירושלים אין 'נפש'**, וואָס האָבן די זעלבע קדושה ווי די פאַקטישע ירושלים פון 'מקום'!

### די קדושה פון ירושלים אין 'עולם' - 'מקום'

ווען מען רעדט פון די שטאָט ירושלים וואָס געפינט זיך אין 'עולם', רעכנט די משנה אויס אין מסכת כלים (א, ו): "**עשר קדושות הן**", אַז ס'איז פאַרהאַן צען מדריגות פון קדושה אין ארץ ישראל, וואָס גייט אַלץ העכער און העכער; ארץ ישראל, עיירות המוקפים חומה, ירושלים, הר הבית, חיל, עזרת נשים, א.א.וו ביז דעם 'קודש הקדשים'.

ווען אַ איד קומט אַרויף פון חוץ לארץ עולה רגל זיין ווערט ער כסדר נאָענטער צו דער קדושה. און וויפיל נענטער ער ווערט צו דער קדושה, איז טאַקע חל אויף אים מער דינים, ביז ער גייט אַריין צו אַ העכערע מדריגה פון קדושה.

### די קדושה פון ירושלים אין 'שנה' - 'זמן'

די זעלבע זאַך איז דאָ אין 'זמן'. ס'איז דאָ עטליכע מדריגות אין די זמנים פון דעם יאָר וואָס זענען אַלץ הייליגער און העכער איינס פון די אַנדערע.

ס'איז דאָ די פשוט'ע וואָכנטעג, דאַן איז פאַרהאַן אַ חודש אלול, אַ ראש השנה, עשרת ימי תשובה, און אַ יום הקדוש. **וואָס מער מען גייט אַריין אין די הייליגע טעג, ווערט דער מענטש מער נתקרב צו דער קדושה**, ביז ער קומט אָן צו דער 'ירושלים' פון זמן, ער דערגרייכט דעם קרבת אלקים וואָס יעדער איד שפירט, ווען ער קומט אָן צו די העכסטע זמן, ביי נעילה פון יוה"כ, און מיר שרייען אויס: "ה' הוא האלקים".

### די קדושה פון ירושלים אין 'נפש'

דאָס זעלבע איז ביי דעם 'נפש' פונעם מענטש. דער מענטש איז צעטיילט אין אַסאַך חלקים און מדריגות. ער האָט די נידריגע מדריגות, די 'כלי עשיה', דאָס זענען די הענט און די פיס. אודאי קען מען דערמיט דינען דעם אויבערשטן, אָבער **אַזאַ עבודה איז נאָכנישט קיין שלימות, עס איז אַ 'חוץ לארץ'דיגע עבודה'**... מען קען נישט בלייבן ביי דעם ווייל דעמאָלט בלייבט מען אינדרויסן פון דעם בית המקדש.

דאַן איז דאָ די טיפערע און העכערע מדריגה אין דעם נפש האדם. **אין די נשמה פון יעדן איד איז דאָ אַ פינטל, וואָס דער נקודה הייסט די 'ירושלים' פון דער נשמה!** וויפיל טיפער ער גייט אַריין דערינען, וועט ער זוכה זיין צו אָנרירן נאָך אַ טיפערע חלק פון דער 'ירושלים' פון זיין האַרץ, וואָס איז באמת אַ 'חלק אלקי ממעל'. אַזוי ווי עס שטייט אין די הייליגע ספרים.

**"אפילו איך האָב בזיונות ווען איך שלעפּ דעם 'קרבן חטאת', אַלעס איז כדאי, אַבי איך זאָל זוכה זיין צו שפּירן אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט".**

---

א. ראה תקוני זוה"ק תקון כ-כא (נ, ב) ועוד, 'מאור עינים' ואתחנן, 'צפנת פענח' וארא. ובעוד ספרים רבים.

### ביים חורבן איז דער 'ירושלים שבנפש' אויך חרוב געוואָרן

ווען ס'איז געשען דער גרויסער חורבן איז אָט די נקודה פון דעם 'נפש' ליידער אויך חרוב געוואָרן. ווען אידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים איז דאָס געווען אן אויסערליכע 'הסבר' צו דאָס וואָס איז געשען אינעווייניג אין זייער נפש! **אונזער 'ירושלים' פון אינעווייניג איז חרוב געוואָרן!**

די **גמרא** זאָגט דאך (תענית ה, א) אַז ס'איז פאַראַן אַ 'ירושלים של מעלה', וואָס געפינט זיך 'כנגד ירושלים של מטה' און איינס קען נישט ווערן געבויעט אָן די צווייטע. דאָס הייסט אַז די 'מקום' פון ירושלים איז נאָר איין בחינה פון ירושלים, ס'איז אויך דאָ נאָך טיפערע בחינות פון ירושלים וואָס דאַרפן אויפגעבויעט ווערן.

ב

# ויצא מבת ציון כל הדרה; לאָמיר זיין 'ירושלים של מעלה'דיגע אידן'

### די עיקר נקודה פון ירושלים איז געווען אירע אידישע הערצער

ווען דער מקונן קלאָגט אויף ירושלים וואָס איז חרוב, רעדט מען נישט בלויז וועגן דעם מציאות'דיגן ירושלים פון 'מקום'; **מען רעדט וועגן אַ 'שטיק אידישע הארץ'!**

'ירושלים' איז נישט בלויז אַ גשמיות'דיגע שטאט. ס'איז אַ 'בחינה', וואָס מען דאַרף גוט אָפּלערנען, כדי צו וויסן וויאַזוי צו דינען דעם אויבערשטן אויף אַ ירושלים'דיגער אופן! ווען אידישע קינדער דינען נישט דעם אויבערשטן אין דער בחינה פון ירושלים, דעמאָלט ווערט חרוב אַלעס, אויך די ירושלים פון 'מקום' ווערט חרוב.

דאָס זעלבע ווען אידן וועלן אויפבויען זייער אייגענע ירושלים, אין זייער נפש, דעמאָלט וועט צוריק אויפגעבויעט ווערן אויך די ירושלים פון 'מקום', במהרה בימינו!

### די שיינקייט פון ירושלים איז אַ משל צו די אהבת ה' וואָס מען האָט דאָרט געשפּירט

ווען די פּסוקים ברענגען אַרויס די שיינקייט פון ירושלים **איז דאָס אַ וועג צו אויסדרוקן די הרגשים פון אהבה וואָס איז דאָ צווישן אַ איד מיט'ן רבוש"ע.** נאר היות מ'קען דאָך נישט באַשרייבן דעם מושג פון 'אהבה', ווייל ס'איז אַזאַ סאָרט זאך 'שאינה תלויה בדבר', איינער וואָס האָט דאָס נאָכנישט געשפּירט קען מען אים דאָס נישט מסביר זיין, דעריבער רעדט מען מיט אַ משל, מען שילדערט די שיינקייט פון ירושלים. **פאַרוואָס איז ירושלים געווען אַזוי שיין? ווייל ס'איז געווען דאָרט חיצוניות'דיגע זאַכן? אודאי נישט! די שיינקייט פון דער שטאָט איז געווען די לויטערע הערצער פון אידן וואָס האָבן זיך דאָרט געדרייט!**

ווען אַ איד איז אָנגעקומען קיין ירושלים איז ער געוואָרן אַן אַנדערער סאָרט איד. ער האָט געוואוסט: "איך וויל קומען זיך רייניגן פאַר'ן באַשעפער, איך וויל מקריב זיין אַ קרבן ווייל איך וויל דורכדעם נענטער ווערן צום רבוש"ע און איך מיך מער נישט אַרומשלעפּן מיט מיינע פּעקלעך... ס'איז מיר אַלעס ווערד, ווי שווער עס זאל נאר זיין, **אפילו איך האָב בזיונות ווען איך שלעפּ דעם 'קרבן חטאת', אַלעס איז כדאי, אבי איך זאָל זוכה זיין צו שפּירן אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט".**

ווען אידן האָבן עולה רגל געווען קיין ירושלים האָבן זיי דאָרט געטראָפן דעם אויבערשטן. ווי חז"ל (חגיגה ב א) דרשנ'ן דעם פּסוק: "**יִרְאֶה יֵרָאֶה - כדרך שבא לראות כך בא ליראות**". מען האָט דאָרט געלעבט אַ העכערע לעבן!

די שיינקייט פון דער שטאָט איז נישט געווען ווייל ס'איז געווען דאָרט שיינע גאַסן, און די מעלה פון 'רבתי עם' איז נישט אַז ס'איז געווען דאָרט אַסאַך מענטשן; ירושלים איז געווען אַזאַ פּראַכט צוליב די סאָרט דערהויבענע מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען!

### די דערהויבנקייט פון ירושלים האָט זיך איבערגעגאָסן אויף יעדן איינעם

הגה"צ רבי **נתן מאיר וואכטפויגל** זצ"ל (משגיח רוחני ביהמ"ד גבוה לעיקוואוד) פלעגט זאָגן אַז אַ איד דאַרף אַלעמאָל - און בפרט אין די טעג פון 'בין המצרים' - זיך פּרובירן צו פארשטעלן און מצייר זיין וויאַזוי ס'האָט אויסגעקוקט דאָס בית המקדש, די קרבנות, די שטאָט ירושלים. מען דאַרף זיך אַריינלייגן אין דעם מצב, כדי מען זאָל כאָטש אַביסל שפּירן וואָס עס פעלט אונז.

ווען אַ מענטש קומט אָן צו אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, צווישן צענדליגער טויזנטער מענטשן, אָבער די אַלע מענטשן זענען פאַרביטערט און ברוגז צוליב אַ געוויסע סיבה; לדוגמא ס'איז אן 'הפגנה' קעגן גזירות, וואָס וואו מען דרייט זיך נאר, זעט מען אַז מענטשן זענען בייז און בצער, וועט דער מענטש וואָס איז דאָ אָנגעקומען נישט ווערן יעצט דערהויבן און גוטמוטיג, ווייל נאַטירליך ווערט אַ מענטש איבערגענומען פון די סביבה וואו ער געפינט זיך.

> "פאַרוואָס רעדסטו אַזעלכע שטותים?! ביזט אפשר נישט גוט געשלאָפן די נאכט?! קום לאמיר גיין צום בית המקדש, רעדן צום רבוש"ע און ער וועט זיכער אַלעס מסדר זיין"

אָבער וויאַזוי וועט זיין אַז אַ איד קומט אן צווישן טויזנטער אידן וואָס זענען פריילין און דערהויבן? וועט ער דאָך אויטאָמאַטיש נאָכגעשלעפּט מיט דער שמחה.

מען קען נעמען אַ בלאַסע ביישפּיל פון וויאַזוי ס'קוקט אויס ל"ג בעומר אין מירון; איבעראָל וואו מען דרייט זיך נאר זעט מען פריילינע מענטשן. מענטשן וואָס זענען דערהויבן און זענען נאָנט צום אויבערשטן. ווען אַ איד כאַפּט זיך אָן מיט נאָך צוויי אַזעלכע אידן וואָס טאַנצן, ווערט ער העכער! ער ווערט אויפגעהויבן צוזאַמען מיט זיי! ס'האָט נישט צוטון מיט די פּלאַץ, ס'האָט נישט צוטון ווי שיין די גאס איז, דער עיקר איז די אַטמאָספערע וואָס איז משפיע אויף זיין האַרץ! **ווען ער טרעפט זיך צווישן דערהויבענע מענטשן, ווערט ער אליינס דערהויבן פונקט ווי זיי. ער ווערט אַן אַנדערע סאָרט מענטש.**

ירושלים איז געווען אַ שטאָט וואו יעדער מענטש איז דערהויבן געוואָרן אויף זיין אופן; איינער האָט געגעסן **מעשר שני**- 'למען תלמד ליראה את ה' אלקיך'; דער צווייטער שלעפּט דעם '**קרבן חטאת**' ווייל ער וויל זיך רייניגן; אַ דריטער האָט איבערגעלאָזט אַלע זיינע פעלדער און איז געקומען צו גיין מיט אַביסל '**ביכורים**' פאַר'ן אויבערשטן; אן אַנדערער דרייט זיך מיט אַ '**קרבן תודה**' ווייל ער האָט קלאָר געזען דעם רבוש"ע, ער איז געווען אין אַ שווערע מצב, ער האָט געשריגן צום אויבערשטן און השי"ת האָט אים טאַקע געהאָלפן, יעצט קומט ער מקיים זיין דעם: "ויזבחו זבחי תודה ויספרו מעשיו ברנה".

די שטאָט איז געווען אַ שטאָט פון העכערקייט! א שטאָט פון כפרת עוונות! ס'איז געווען אַ רוחניות'דיגע פּלאַץ, ווי מען זאָגט אין דעם שיר של יום פון מאָנטאָג: "**גדול ה' ומהולל מאד בעיר אלוקינו הר קדשו, יפה נוף משוש כל הארץ וגו' קרית מלך רב**".

### עס פעלט אונז די הערצער פון ירושלים

אָט דאָס דאַרפן מיר גוט דערהערן: די עיקר אבילות אויף ירושלים איז נישט אַז מיר האָבן פאַרלוירן אַ גשמיות'דיגע שטאט! **די עיקר אבילות איז אַז מיר האָבן פאַרלוירן אַזאַ סארץ הארץ! און אַז ס'איז נישט דאָ די האַרץ, דאַן איז אויך נישט דאָ די שטאָט!** די גאַנצע שמחה און לעכטיגקייט פון ירושלים איז געקומען פון די מענטשן וואָס האָבן זיך דאָרט געדרייט! יעדער וואָס איז געווען אין ירושלים איז געווען דערהויבן, ווייל ווען מען איז דאָרט אָנגעקומען האָט מען געטראָפן אַ שטאָט פון קרבת אלקים.

נאָכ'ן גרויסן חורבן קלאָגט דער נביא "איכה ישב בדד", ירושלים זיצט אליינס. **טעכניש קען**

**מען טאַקע גיין קיין ירושלים, אָבער וואו זענען די הערצער פון ירושלים?!** וואו זענען די סאָרט מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען אין אירע שיינע צייטן?!

ווען מיר האָבן פאַרלוירן דעם בית המקדש און די קרבנות, האָבן מיר פאַרלוירן דעם איד! **נישט בלויז האָבן מיר נישט די קרבנות נאר מיר האָבן אויך נישט די 'תוצאה' פון די קרבנות!** נישט בלויז האָבן מיר פאַרלוירן דאָס 'עולה רגל' זיין, נאר מיר האָבן פאַרלוירן דער סאָרט איד וואָס קוקט אויס אַנדערש ווען ער האָט 'עולה לרגל געווען! זיין אידישקייט איז דעמאָלט געוואָרן לעבעדיג, ס'איז געוואָרן אַן עכטע מציאות, ער האָט געלעבט און זיך געקאָכט מיט'ן אויבערשטן און אַלע אַנדערע זאַכן האָט ער אָנגעקוקט ווי נאַרישקייטן.

ווען אַזאַ סאָרט איד האָט געהאַט סיי וועלכע שווועריגקייט האָט ער געזאָגט מיט אַ פּשטות: "איך וועל באַלד גיין רעדן מיט'ן באַשעפער און לאָמיר זען וואָס ער וועט ענטפערן". ווען אַ חבר וואָלט אים מציע געווען צו טון אַנדערע סאָרט שתדלנות, אָדער צו באַשולדיגן דעם אָדער יענעם, וואָלט ער אים אָנגעקוקט מיט וואונדער: **"פאַרוואָס רעדסטו אַזעלכע שטותים?! ביזט אפשר נישט גוט געשלאָפן די נאַכט?! קום לאָמיר גיין צום בית המקדש, רעדן צום רבוש"ע און ער וועט זיכער אַלעס מסדר זיין".**

אין בית המקדש זענען אידישע הערצער אויסגעוואַשן געוואָרן. מען איז געוואָרן ריין און

> **ס'איז אים נעבעך געריננען בלוט פון מויל אבער די אידן האָבן געהערט אַז ער זאָגט עפּעס, האָבן זיי זיך צוגעבויגן און געהערט ווי ער זאָגט: "אבער עס האָט זיך געלוינט"...**

לויטער. דער גאַנצער מענטש, מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, האָט געברענט מיט אַ נאַטירליכע אידישקייט, און יעדע שווועריגקייט אָדער פּראָבלעם איז געווען פאַר אים אַן עצה און אַ מהלך, וויאַזוי צו נתקרב ווערן צום באַשעפער דורכדעם!

### די אָפּטייטש פון אַ ירושלים של מעלה'דיגער איד

באמת דאַרף טאַקע יעדער איד זיין אַ 'ירושלים'דיגער איד'. דער אויסדרוק האָט דאָך אַזאַ עומק, **מיר האָבן ליידער פאַרלוירן די הבנה וואָס איז דאָס טייטש אַ 'ירושלים של מעלה'דיגער איד'.**

אַזוי ווי היינט איז דאָ אַזאַ מושג ווי אַ 'פאַרצייטישער חסידי'שער איד', אַ איד וואָס האָט זיך נאָך געווייקט ביי ערליכע אידן פון דעם פריערדיגן דור. - אַסאַך מער פון דעם איז דער אמת'ער 'ירושלים'ער איד'! ס'איז נישט די סאָרט בגד, ס'איז נישט די וועג פון רעדן, און ס'איז נישט צי ער האָט אַ קליינע אָדער אַ גרויסע דירה; **זיין האַרץ איז אַ ירושלים'ער האַרץ!** יעדער האָט דאָך אַ 'ירושלים' אין זיין נשמה, און דער רבוש"ע פרעגט דעם מענטש: "וואו איז דיין ירושלים?! פאַרוואָס ביזטו אַ חוץ לארץ'דיגער סאָרט איד?!"

ליידער, ווען אידן האָבן פאַרלוירן זייער ירושלים פון האַרץ, זענען זיי אויך פאַרטריבן געוואָרן פון דער שטאָט ירושלים, **ווייל אין דער שטאָט ירושלים של מטה קען מען נישט וואוינען אַזוי חוץ לארץ'דיג, מען דאַרף דאָרט לעבן ווי אַ בית המקדש'דיגער סאָרט איד.** דאָס וויל דער אויבערשטער פון אונז, ווייל דאָס הייסט אַן אמת'ער איד!

ג

## שאו אליו כפיך; די קרבת אלקים פון אַ ירושלים'ער הארץ איז דאָס בעסטע זאַך אויף דער וועלט

### דער ירושלים'ער סאָרט איד נוצט אויס זיינע פּראָבלעמען צו דאַווענען בעסער

לאָמיר אַביסל פאַרברייטערן די נקודה:

ווי מען האָט אָנגעהויבן, האָט דער רבוש"ע באַשאַפן די וועלט מיט אַסאַך סאָרט פּלעצער, וואָס יעדע פּלאַץ איז אַ העכערע מדריגה: חוץ לארץ, ארץ ישראל, ירושלים, הר הבית א.א.וו.

דער אויבערשטער האָט אונז דערמיט געוואָלט ווייזן וואָס עס שפּילט זיך אין דער נשמה פון יעדן איד. **יעדע איינציגע נשמה האָט די אַלע 'עשר קדושות'!** און דער רבוש"ע בעט פון אונז: "זייט נישט אַזעלכע סאָרט אידן, וואָס זייער אידישקייט איז בלויז חיצוניות'דיג. כ'האָב יאָ געטון, כ'האָב נישט געטון, כ'האָב יוצא געווען, כ'האָב נישט יוצא געווען, דאָס איז אַ גלות'דיגע סאָרט לעבן!".

אַזאַ סאָרט איד שפּירט נישט קיין נאָנטקייט צום אויבערשטן. ווען אַזאַ סאָרט מענטש טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם, צ.ב.ש. ער מוטשעט זיך מיט אַ שידוך, ווייסט ער נישט וואו דער רבוש"ע געפינט זיך דאָ. ער פאַרשטייט נישט אַז די שווערע מצב קען אים גאָר העלפן צו דאַווענען בעסער!

ווידעראום אַן אמת'ער איד, אַ ירושלים'דיגער איד, וועט הנאה האָבן אַז ס'איז אים יעצט אונטערגעקומען אַ שטיקל שווועריגקייט, ווייל יעצט שפּירט ער אַז ער קען גיין דאַווענען מיט אַ ריכטיגע צעבראָכנקייט, כעני בפתח. ער וועט זאָגן: **"אָה, יעצט האָב איך מיט וואָס צוצוגיין צום דאַווענען, יעצט זעה איך שוין גוט אַז כ'קען גאָרנישט אליינס מיט מיינע אייגענע כוחות, נאר דער רבוש"ע קען מיך העלפן".** דאָס איז אַן אמת'ער איד!

### די תענוג פון אַן אמת'ע אידישע הארץ

אַזאַ איד וועט נישט האָבן קיין נסיון צו רעדן וועגן אַנדערע, ווייל ער וועט געדענקן אַז אַמאָל האָט ער געטון די נאַרישקייט און נאָכדעם האָט ער נישט געקענט דאַווענען געהעריג[ב]. **ער וויל נישט מוותר זיין אויף דעם קרבת אלקים פאר אַביסל לשון הרע!** ער וויל קענען זאָגן - בלשון נוכח: "ברוך. אתה. ה'." מיט אַ נאָנטקייט! ער וויל האָבן די הרגשה אַז ער האָט נישט קיין שום עצה, קיין שום שכל, ער קען נאר בעטן "אתה חונן לאדם דעת"! ער וויל זאָגן די ווערטער "השיבנו אבינו", און זיך בעטן: העלף מיך תשובה טון, דער יצר הרע לויפט מיך נאָך, איך בין ווייט פון דיר טאַטע, ראַטעווע מיך!

דער אמת'ער איד האָט אַלעמאָל די הרגשה אַז אויב דער אויבערשטער גייט אים נישט העלפן דעמאָלט איז ער פאַרלוירן. דערפאַר ווען ער שטעלט זיך דאַווענען אויף זיינע פּראָבלעמען פאַרוואַנדלט ער דאָס צו אַזאַ קרבת אלקים! ער כאַפּט זיך אָן אין השי"ת און ער זאָגט: "העלף מיר! אינדרויסן וואַרט מיר אַזאַ סאָרט נסיון און אַן אַנדערע סאָרט נסיון, איך וויל לעבן מיט דיך!".

**דער רצון ה' איז אַז אידישע קינדער זאָלן זיך אַרומדרייען מיט אַזעלכע ירושלים'ער הערצער!** דאָס איז דאך אַזאַ אמת'ע לעבן, ס'איז אַזאַ תענוג נפלא, אַז דער מענטש וועט אפילו נישט האָבן קיין נסיון צו טון זאַכן וואָס וועלן אים דערווייטערן פון השי"ת, ווייל ער וויל נישט מוותר זיין אויף די תענוג פון קרבת אלקים!

### "אָבער ס'האָט זיך געלוינט"...

עס איז געווען אידן וואָס האָבן נאָך געדענקט די מעשה, אַז ביי די ביטערע מלחמה, ווען ס'איז ליידער נתקיים געוואָרן אַלע פּסוקים פון די תוכחה און מען האָט געזען צו וואָס פאַראַ שרעקליכע שפלות דער 'עולם הזה' קען אָנקומען. איז דאָרט געווען אַ איד אין לאגער, וואָס האָט געטראָפן איין בלעטל פון אַ סידור. דער איד האָט זיך ממש מחי' געווען מיט דעם בלעטל, דאָס האָט ער אַלעמאָל אָנגעכאַפּט און מיט דעם האָט ער געשפּירט אַז ער איז נאָנט צום באַשעפער.

אָבער ער האָט נישט געהאַט וואו צו באַהאַלטן דעם בלעטל, ווייל די געשטרייפטע קליידער וואָס די

ב. ראה מה שכתוב בספה"ק 'בית אהרן' ליקוטים מאבי המחבר הרה"ק ר' אשר מסטאלין בן ר' אהרן הגדול מקארלין זי"ע: כשאדם מדבר לפני המלך על בניו בוודאי דוחפין אותו מפלטין כך כשאדם מדבר חס ושלום לה"ר על שום ישראל הגם במחשבה ר"ל.

רשעים האָבן געגעבן האָט נישט געהאַט קיין טאַשן. האָט דער איד אַריינגעשטופּט דעם בלעטל אין דעם 'גומי' וואָס האָט אָנגעהאַלטן זיינע הויזן, אונטער דעם העמד, און ער האָט טאַקע שטענדיג געהאַלטן דאָס בלעטל נעבן זיך.

יעדעס מאָל ווען ער האָט געהאַט אַ שווערע מינוט, האָט ער זיך משתשע געווען מיט דעם בלעטל פון אַ סידור. דאָס איז ממש געווען זיין חיות. (דער אמת איז דאָך אַז אין אַזעלכע מצבים, ווען דער מענטש זעהט בחוש אַז ער איז גאָרנישט, קען ער זוכה זיין צו אַ מורא'דיגע קרבת אלקים, אויב ער נעמט אַוועק דעם חלק פון 'טינא שבלב', ער האָט חלילה נישט קיין טענות און ער איז זיך אינגאַנצן מבטל פאַר'ן באַשעפער, דעמאָלט קען מען באַקומען אַ געוואַלדיגע נאָנטקייט צו השי"ת).

ליידער האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז ווען די לאַגער אידן זענען געשטאַנען לאַנגע שעות ביי אַן 'אַפּעל', וואו מען האָט געציילט אַלעמען, האָט געבלאָזן אַ ווינטל און זיין העמד האָט זיך אַביסל אויפגעהויבן. דער רשע האָט באַמערקט אַז עס באַהאַלט זיך דאָרט אַ צעטל, האָט ער אָנגעהויבן שלאָגן און שטויסן דעם איד מכות רצח מיט אַ געפערליכע אכזריות, דער איד איז נעבעך געבליבן ליגן אויף דער ערד פאַרבלוטיגט און צעשלאָגן ממש מיט דאָס לעצטע ביסל חיות.

ענדליך, נאָכדעם וואָס דער רשע האָט זיך באַרואיגט און האָט אים דאָרט געלאָזט ליגן, זענען צוגעגאַנגען עטליכע אידן אים העלפן אויפשטיין. ס'איז אים נעבעך גערינען בלוט פון מויל אָבער די אידן האָבן געהערט אַז ער זאָגט עפּעס, האָבן זיי זיך צוגעבויגן און געהערט ווי ער זאָגט: "אָבער עס האָט זיך געלוינט"...

## וויפיל 'ירושלים' ליגט אין אַזאַ סאָרט מימרא?! וויפיל אמת'ע 'איד' ליגט אין אַזעלכע ווערטער?!

דער איד האָט געהאַט אַזעלכע יסורים, קוים וואָס ער האָט געלעבט, אָבער דער תענוג פון די נשמה וואָס איז נאָנט צום רבוש"ע איז געווען אַזוי שטאַרק אַז ער האָט געהאַט די הרגשה: **"איך האָב טאַקע געכאַפּט קלעפּ, אָבער איך האָב דאָך געהאַט אַזאַ מין נאָנטקייט צום אויבערשטן, ס'האָט זיך געלוינט!".**

**אידישקייט איז אויסגעשטעלט אַז יעדער איד זאָל קענען זאָגן אַזאַ סאָרט מימרא!** אויב אַ איד וואָלט געשפּירט די קרבת אלקים וואָס דער אויבערשטער האָט אַריינגעלייגט אין 'תורה', אין 'תפלה', אין 'אמונה ובטחון', אין 'יראת שמים', וואָלט ער געבליבן שטאַרק, אפילו אויב אַלע 'רוחות שבעולם' וואָלט געבלאָזן אויף אים! ביי אַלע שוועריגקייטן און צער וואָס ער גייט אַריבער וואָלט ער געהאַט די הרגשה פון: **"אָבער ס'האָט זיך געלוינט"!** איך גיי נישט אָפּלאָזן דעם אויבערשטן, ווייל די תענוג פון קרבת אלקים איז אַסאַך שטאַרקער פון אַלעם! און אויב דאָס איז די פּרייז וואָס איך דאַרף צאָלן דערפאַר, בין איך מסכים בסדר גמור!

## ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום

אודאי דינען מיר נישט דעם באַשעפער צוליב חשבונות, ווייל עס לוינט זיך בעסער אַזוי... אָבער מען דאַרף וויסן דעם אמת וואָס עס שטייט אין דער תורה, אַז אַ איד וואָס פאָלגט דעם רצון ה', **וועט ער שפּירן אַזאַ תענוג און אַזאַ נאָנטקייט צום רבוש"ע אַז ער וועט האָבן די גרעסטע תענוג אויף דער וועלט!** דאָס איז אמת לאמיתו היינטיגע צייטן פונקט ווי אַמאָל - זאת התורה לא תהא מוחלפת!

אויך 'בימינו אלה' איז פאַרהאַן אָן קיין שיעור אידן וואָס ליידן שווערע ביטערע יסורים, יסורי הגוף און יסורי הנפש, **אָבער זיי שטראַלן! זיי לעבן מיט אַ קרבת אלקים! זיי שפּירן דעם גן עדן אויף דער וועלט!** יאָ, ס'איז דאָ אַזעלכע אידן, נישט איינס, נישט צען און נישט צוואָנציג. דער רבוש"ע האָט זיך זיינע אידן אויף דער וועלט, און **ער וויל אַז מיר אַלע זאלן לעבן אַזוי!**

## איינמאָל מ'שפּירט דעם תענוג וועט מען דאָס נישט פאַרלירן פאר אַ נאַרישע נסיון

די גאַנצע תורה און אַלע מצוות זענען בסך הכל 'עצות', וויאַזוי דער איד קען זוכה זיין צו אַן אמת'ע נאָנטקייט צו השי"ת. די קומענדיגע מאָל וואָס עס וועט אים אונטערקומען אַ נסיון פון עפּעס אַ תאוה'לע, וועט ער נישט וועלן נכשל ווערן, **ווייל ס'איז אים פּשוט נישט כדאי צו פאַרלירן די תענוג פון קרבת אלקים!** ער האָט דאָך שוין געשפּירט אַ טעם פון אַ שבת! ער האָט שוין טועם געווען דעם טעם פון אַן אמת'ע הרהור תשובה! ער האָט שוין אַמאָל געלאָזט אַ טרער פון דעם תענוג פון קרבת אלקים! **ער וויל דאָס נישט אַוועקגעבן!**

דאָס האָט דער אויבערשטער געוואָלט, אַז די 'תורה' זאל אַזוי שטאַרק אויסוואַשן די נשמה אַז דער מענטש זאל שפּירן אַז די גרעסטע זאַך וואס ער קען פאַרלירן איז זיין קרבת אלקים! **אַזאַ מענטש וועט טראַכטן צו זיך: "לאָמיר שוין זאָגן אַז מ'קען טרעפן אַ היתר, אָבער איך וועל שוין נישט שפּירן דעם טעם אין אַ שבת**, איך וועל שוין נישט האָבן מיין קרבת אלקים"!

## איך קען שוין גוט מיין יצר הרע...

אין אַמעריקע האָט געוואוינט אַ פּאַרצייטישער געהויבענער איד, הרה"ח רבי **ניסן פילטשיק** זצ"ל. ער האָט געהאַט אַ קפּידה אַז איידער ס'איז געקומען דער יום טוב פּסח, האָט ער געאַרבעט זייער שווער צו מבער זיין ממש יעדע ברעקל פון אַ חשש חמץ. אפילו די גרויסע ספרים שאַפּע, וואָס איז זייער שווער צו רוקן פון פּלאַץ, האָט ער איבערגעדרייט און זיכער געמאַכט אַז ס'ליגט נישט דאָרט באַהאַלטן עפּעס אַ ברעקל.

אויף די עלטערע יאָרן האָט מען אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס, על פּי הלכה פעלט דאָך עס נישט אויס. ס'איז לכל הדעות "אין ראוי לאכילת כלב", און ס'האָט אַ דין פון "נפלה עליו מפולת", אויב אַזוי האָט עס דאָך נישט קיין שום פּשט צו מאַכן אַזאַ איבערקערעניש.

האָט ר' ניסן געזאָגט: "איך ווייס זייער גוט די הלכה אָבער קען שוין מיין יצר הרע... ווען איך וועל זיצן ביים דערהויבענעם סדר נאַכט, וועט ער אינמיטן אָנקומען און מיך זאָגן, יאָ, דו קאכסט זיך אַזוי מיט אַ הלל, אָבער אין דעם צימער וואו דו זיצט איז דאָ חמץ אונטער די שאַפּע... איך קען אים גוט... אַזוי וועט ער טון מיט מיר... ס'איז מיר נישט כדאי זיינע מיטשענישן, נעם איך אַרויס יעדעס ברעקל חמץ און פאַרטיג..."

## וויאַזוי אַ פּשוט'ער תפלת שחרית קען אויסקוקן

ממש אַזוי האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַז אַ איד זאָל לעבן אַלעמאָל! דער רבוש"ע וויל אַז אונזער אידישקייט זאל אָנהויבן לעבן!

אַן אמת'ער איד גרייט זיך אַזוי צו יעדע 'תפלת שחרית' אפילו פון אַ וואָכנדיגע טאָג, **ווייל ער ווייסט וואָס פאַראַ קרבת אלקים ער קען באַקומען דערפון!** ער מאַכט אַ ריכטיגע הכנה צום דאַווענען, ער טוט תשובה, ער זאָגט קרבנות מיט דער כוונה אַז ער דאַרף אליינס האָבן אַ כפּרה, באמת וואָלט מען אים געדאַרפט שעכטן נאר די קרבנות זענען מכפר. - דאָס איז געווען די הרגשה פון די אידן וואָס האָבן זיך געדרייט אין ירושלים, זיי האָבן נישט געוואָלט חלילה האָבן אויף זיין קיין שום עבירה. ס'איז געווען אַ שטאָט פון מסירת נפש!

אַזאַ איד וועט צוגיין צו 'פּסוקי דזמרה', ווייל ער וויל זאָגן שירות ותשבחות פאַר'ן באַשעפער. דערנאָך וועט ער זאָגן 'שירת הים' וואָס פאַרשניידט אַלע קליפּות. נאָכדעם וועט ער זיך אויסוויינען ביי 'אהבת עולם', און אויב ער שפּירט אַז ער איז ווייט פון השי"ת, וועט ער זיך נאָכמער בעטן: "והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותך". אויב האָט ער שלעכטע נאַטורן וואָס ער קען זיך נישט אָפּשאָקלען דערפון וועט ער מתפלל זיין מעומק הלב: "ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך."

**דער איד הייבט אָן שפּירן פון טאָג צו טאָג אַז דאָס דאַווענען איז אַ מורא'דיגע תענוג...** ער קען נישט מוותר זיין דערויף אפילו פאר 'כל חללי דעלמא'!

אויב מאָרגן וועט אים אונטערקומען אַז פאַר'ן דאַווענען איז דאָ עפּעס אַ נייעס'ל אָדער אַ שטות וואָס וויל אים אַוועקשלעפּן, וועט ער ניטאָמאָל ווילן הערן! אפילו ער איז אַ מענטש וואָס האָט געווענליך ליב פרישע נייעס, אָבער יעצט וויל ער נישט חרוב מאַכן די געשמאַק וואָס ער האָט געהאַט נעכטן, און צוויי טעג צוריק, פון זיין גוטן דאַווענען.

## אַן איינפאכע 'תפלת מנחה' קען אויך ברענגען אַ נאָנטקייט צום אויבערשטן

ווען אַ איד וועט ממשיך זיין אויף דעם סאָרט מהלך, וועט דאָס אָנהויבן געשען אויך איידער 'תפלת מנחה' און איידער 'מעריב'. **ער וועט אָנהויבן כאַפּן אַז אַ 'מנחה' קען אויך זיין אַ תפלה וואָס ברענגט אַ קרבת אלקים!** עס מוז נישט זיין קיין טרוקענע זאַך, ס'קען זיין אַ שטיק חיות! ווער האָט געזאָגט אַז נישט?!

אין דער שטאָט ירושלים איז דאָך געווען אַ 'תמיד של בין הערבים', **און אויב אַזוי האָט די אידישע נשמה אויך אַן אייגענע 'תמיד של בין הערבים'!** ווען ס'קומט פאַר'ן דאַווענען מנחה איז ער זיך מיישב, אויב האָט ער געטון עפּעס היינט וואָס האָט נישט געטויגט; אפשר האָט ער גערעדט עפּעס וואָס מ'דאַרף נישט רעדן, אפשר האָט ער געקוקט וואָס מ'דאַרף נישט קוקן.

פאַר'ן דאַווענען מנחה וויל ער שוין נישט רעדן קיין נאַרישקייטן, כדי ער זאָל נישט פאַרלירן דעם גוטן טעם פון אַ תפלה. ווען אַ חבר הייבט אָן שמועסן מיט אים זאָגט ער: **"כ'קען נישט יעצט רעדן, כ'דאַרף צוגיין ערגעץ און איך דאַרף זיך מיישב זיין פאַרדעם"**... דאָס איז אמת'ע אידישקייט! דער רבוש"ע וויל אַזאַ אידישקייט!

# זכרה ירושלים ימי עניה; מיר בענקן זיך צו די פנימיות'דיגע ירושלים פון אידישע נפשות

## ווען די נשמה איז שוואַך דעמאָלט געווינט דער 'גוף' די מלחמה

די שטאָט ירושלים איז ליידער חרוב געוואָרן ביים 'חורבן בית ראשון', ווייל אידן זענען געוואָרן נאָכגעשלעפט נאָך די האַרבסטע עבירות, ע"ז גילוי עריות און שפיכת דמים. ווידעראום דער 'חורבן בית שני' איז געווען צוליב שנאת חנם, ווייל כביכול דער רבוש"ע זאָגט: "אויב ענק ווערן צוגעצויגן נאָך אַזעלכע זאַכן, איז אַ סימן אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן אין ענקער האַרץ!".

**די עבירות זענען אַ 'סימן' אַז די אינערליכע ירושלים פון דעם 'נפש האדם' איז נעבעך חרוב!** ווייל פאַרוואָס רעדן בכלל די סאָרט זאַכן צום מענטש?!

מילא דאָס אַז דער גוף וויל די זאַכן פאַרשטייט מען, ווייל דער גוף ווערט צוגעצויגן אויטאָמאַטיש צו אַזעלכע מעשים. **אָבער פאַרוואָס איז די נשמה נישט געווען גענוג שטאַרק געבויעט צו באַרואיגן דעם גוף?!**

די פלאַן פון די תורה איז נישט געווען אַז ס'זאָל בכלל נישט זיין קיין גוף... ס'איז דאָ אַ גוף, און דער גוף איז שטאַרק, ער פאָדערט דאָס זייניגע יעדן טאָג פונדאַסניי; ער וויל דאָס און ער פאַרלאַנגט יענס, ער ווערט אין כעס, ער האָט שאיפות זיך צו בויען זיין כבוד, א.א.וו. **אַלעס אמת ויציב! אָבער דער רבוש"ע האָט דיך געגעבן אַ תורה און מצוות!** דער רבוש"ע האָט דיך געגעבן אַ נשמה! אַז דו זאָלסט אַריינליגן דאָרט אַזעלכע וואַרימע זאַכן, אַזעלכע ליכטיגע זאַכן, אַזעלכע אמת'ע זאַכן!

**ווען דו וואָלסט געווען נאָענט צום אויבערשטן וואָלסטו קיינמאָל נישט גערעדט אַזוי, וואָלסט קיינמאָל נישט געטון אַזעלכע סאָרט זאַכן!** די גאַנצע סיבה פאַרוואָס דער מענטש האָט נישט געקענט ביישטיין די נסיונות, איז ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין ירושלים אינעווייניג אין האַרץ!

## שיהא שם שמים שגור בפיו; לעבן מיט'ן באַשעפער

ליידער קען מען זען ווי מענטשן פאַרציילן אליינס זייערע דרגות אין עבודת ה'. ס'איז אפשר אומגעגנעם צו דערמאַנען אָבער מ'דאַרף זאָגן דעם אמת ווייל נאר אַזוי קען מען שטייגן. ס'איז גענוג צו רעדן פינף מינוט מיט אַ מענטש מיט זאַכן פון 'מילי דעלמא' צו זען אויב ער לעבט אין 'ירושלים', אָדער אויב ער לעבט אין אַ וועלט וואָס איז אָפּגעריסן פון השי"ת. קען זיין ער לערנט אפילו זיינע שיעורים ווייל אַזוי קומט אים אויס גוט, מען מיינט חלילה נישט צו מזלזל זיין, אָבער **וואו איז זיין 'ירושלים'?!** וויאַזוי קען זיין אַז ער רעדט אַזוי לאַנג פון אַן ענין און ער דערמאַנט נישט אפילו איין מאָל דעם אויבערשטן?!

ס'איז דאָ מעשיות וויאַזוי צדיקים האָבן מעורר געווען אידן: "דו רעדסט און רעדסט און כ'הער נישט זאָלסט דערמאַנען דעם באַשעפער'ס נאָמען". צדיקים האָבן דאָס גלייך באַמערקט אָבער מען דאַרף נישט זיין קיין צדיק צו דערפאַר. **דער מענטש רעדט מיט אַן אייפער איבער אַלץ און אַלעם און הערשט ביים סוף, אַלס אַ קאָמפּאָט, וואַרפט ער אַריין: "דער אויבערשטער וועט העלפן"**... מען זעט קלאָר אין דעם וועג וויאַזוי ער קאָכט זיך, וויאַזוי ער ווערט איבערגענומען פון דער זאַך, אַז **ער האָט נאָכנישט געטראָפן דעם באַשעפער היינט.** ווען ער וואָלט געדאַוונט מנחה ריכטיג וואָלט ער נישט גערעדט אַזוי, ווייל ער האָט דאָך געזען דעם אויבערשטן פינף מינוט צוריק!

ווען אַ איד לעבט מיט אַ קרבת אלקים, **ווערט צוביסלעך געטוישט זיין גאַנצע וועג פון רעדן.** ער הייבט אָן באמת גלייבן אין אויבערשטן, ווייל דאָס דאַווענען בויעט אים אויף זיין אמונה און בטחון. דאָס דאַווענען דערמאַנט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַז 'כוחי ועוצם ידי' איז גאָרנישט! **די מעשה איז נישט געשען ווייל יענער האָט געזאָגט אָדער ווייל יענער האָט געטון, שטותים! אַלעס האָט דער אויבערשטער געמאַכט!**

## ירושלים בויט מען נישט מיט'ן כח הזרוע נאר מיט ריינע אידישע נפשות

ירמיה הנביא איז מקונן: "איכה ישבה בדד... ויצא מבת ציון כל הדרה". לכאורה קען מען דאָך צוריק אנפולן ירושלים מיט מענטשן און מיט שיינע גאַסן?! די תשובה דערויף איז **אַז מען וועט גאָרנישט אויפטון!** מען וועט גאָרנישט האָבן דערפון! מען דאַרף קודם אויפבויען די 'ירושלים של מעלה' פון די אידישע נשמה, און בלויז נאָכדעם קען מען אויפבויען די 'ירושלים של מטה' פון 'מקום'. **מיר דאַרפן קודם ווערן אַזעלכע סאָרט אידן, 'ירושלים'דיגע אידן, דעמאָלט וועט שוין ממילא אויפגעבויעט ווערן די שטאָט ירושלים!**

מיר ווייסן וואָס חכמינו ז"ל זאָגן (כתובות קיא א), אַז דער רבוש"ע האָט באַשוואוירן אידישע קינדער מיט די 'שלש שבועות'. **ס'איז דאָ האַרבע שבועות - 'השבעתי אתכם בנות ירושלים' - אַז מען זאָל נישט אליינס אַרויפגיין 'בחומה' קיין ארץ ישראל.**

דאָ ליגט אַ טיפע נקודה! דער אויבערשטער זאָגט פאַר אידן: "**דאָס איז די פּראָבלעם?! אַז די גשמיות'דיגע ירושלים איז נישט אויפגעבויעט?! די פּראָבלעם איז דיין האַרץ! ירושלים בויעט מען נישט בכח הזרוע, נאר מיט'ן כח פון אידישע הערצער!**"

> ווען ער וואָלט געדאַוונט מנחה ריכטיג וואָלט ער נישט גערעדט אַזוי, ווייל ער האָט דאָך געזען דעם אויבערשטן פינף מינוט צוריק!

אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט דעם פסוק (תהלים קמז ג): "בונה ירושלים ה'... הרופא לשבורי לב ומחבש לעצבותם", **אַז די 'שברון לב' פון אַ איד, די אמת'ע געזונטע קרעכץ פון אַ אידישע האַרץ, דאָס בויעט ירושלים!** ווייל אַז דו האָסט געבויעט דיין אייגענע ירושלים אין דיין 'נפש', וועט דער אויבערשטער בויען אויך די ירושלים אין 'מקום'.

## יעדער איד דאַרף האָבן אַ 'דוד המלך' אין זיין אייגענע ירושלים

אין אַלע פסוקים פון דער תורה ווייסן מיר דעם כלל אַז יעדע זאַך האָט אַ פשוט'ע טייטש און ס'האָט אויך מער טיפערע און פנימיות'דיגע טייטשן - וואָס די ספרים הק' זענען מפרש. מגילת איכה איז דאָך אויך אַ חלק פון תנ"ך, און פונקט ווי אַלע אַנדערע פסוקים אין תורה נביאים כתובים, האָט דאָ יעדע וואָרט אַ טיפערע באַדייט. דעריבער, ווען ס'שטייט אין 'מגילת איכה' דאָס וואָרט 'ירושלים', רעדט מען פון די פנימיות'דיגע 'ירושלים'!

מען זעט די זעלבע זאַך אויך ביי שמונה עשרה, אַז די אנשי כנסת הגדולה האָבן קובע געווען אַן עקסטערע ספּעציעלע ברכה פאַר 'ירושלים'. הגם ס'איז דאָ אַנדערע ברכות וואו מען בעט פאַר די גאולה, נאר **אידישע קינדער בעטן אויף 'ירושלים', ווייל די אידישע האַרץ דאַרף האָבן די קדושה פון 'ירושלים'!**

פאַרדעם דערמאַנט מען אויך ביי דער ברכה פון ירושלים אַז: 'וכסא דוד עבדך מהרה לתוכה תכין'; מיר ווילן דוקא האָבן אַזאַ האַרץ וואו דוד המלך געפינט זיך דאָרט. דעמאָלט איז עס ירושלים און אַז נישט איז דאָס נישט קיין ירושלים! **מיר בעטן אַז דאָס תהלים'ל פון דוד המלך זאָל זיין איינגעקריצט ביי אונז אין האַרץ** - דוד המלך רעדט דאָך צום רבוש"ע מיט אַזאַ פשטות, מיט אַזאַ אמת'דיגקייט און מיט אַזאַ אהבה און ביטול, **אַזאַ סאָרט ירושלים ווילן מיר האָבן!**

## דער חילוק צווישן די ברכות פון 'ולירושלים עירך' און 'את צמח דוד'

ס'איז דאָ אַ באַזונדערע ברכה פון 'את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח', אין יענע ברכה בעט מען אויף 'מלכות בית דוד'. ווידעראום אין דער ברכה פון 'ולירושלים', דערמאַנט מען טאַקע דוד המלך, אָבער מען רעדט יעצט וועגן ירושלים! ווייל כדי אַז ירושלים זאָל זיין ירושלים, דאַרף דוד המלך דאָרט זיין!

אונזער האַרץ דאַרף האָבן דעם ביטול פון דוד המלך אַז: "**כ'קען גאָרנישט אליינס, בלויז דער אויבערשטער קען מיך העלפן און ער וועט מיך העלפן**". - דאָס ווערט אָנגערופן בונה ירושלים ה'! אַזוי ווערט אַ איד צוריק נאָענט צום רבוש"ע און ער בויעט אויף די ירושלים פון זיין נפש!